גם בכחות הגלויים[59], שאז תהי' השלילה דע"ז (לא רק מצד הדרגא שלמעלה מן הראש, אלא) גם מצד דרגת הראש[60].

ולכן נאמר בהציווי ע"ד לוחות שניות "פסל לך שני לוחות אבנים כראשונים" – דאף שהחידוש דלוחות שניים הוא בעבודת התשובה מצד עצם הנפש שלמעלה מהראש, צ"ל בהם גם הענין העיקרי דלוחות ("כראשונים") – השלימות דתורה (בחי' החקיקה שבתורה), "תשא את ראש" (ועד שמקומם בתורה הוא בפרשת "תשא את ראש"[61]), שעי"ז ישנם ב' המעלות גם יחד.

ט. ויש להוסיף, שענין זה מרומז גם ב(הקדמה לסיפור מעשה העגל ב)לוחות הראשונות – "ויתן אל משה גו' שני לחת העדות גו'", "לחת (חסר) כתיב שהיו שתיהן שוות"[62]:

ידוע[63] ששני הלוחות מתחלקים (גם) למצוות עשה ומצוות לא תעשה: בלוח האחד – חמש דברות הראשונות שעיקרם ויסודם הם מצוות עשה, אנכי[64], שבת, כיבוד אב ואם, ובלוח השני – חמש דברות השניות שכולם מצוות לא תעשה. ועפ"ז י"ל שהפירוש ש"שתיהן שוות" הוא גם ע"ד מ"ש[65] "אחת דיבר אלקים שתים זו שמעתי"[66], שה"שתים", עשה ולא תעשה, אנכי ולא יהי' לך, זכור (מ"ע) ושמור (מל"ת), נאמרו "בדיבור אחד"[67], לפי שענינם ותוכנם אחד, כי, גם מל"ת שקיומם הוא ע"י העדר העשי' (שלילה) הם ענין חיובי ("מצוה" מלשון צוותא (וחיבור), שעל ידם נעשה החיבור דהאדם והעולם עם הקב"ה) כמו ע"י מ"ע, ולא עוד אלא שישנו גם הקיום דמל"ת (לא רק ע"י העדר העשי', אלא גם) באופן של פעולה חיובית (כמו הקיום דמ"ע באופן דקום ועשה) – ע"י לימוד התורה בפרטי מצוות לא תעשה ודיניהם, "לחת (ענין התורה) .. שתיהן שוות"[68].

ויש לומר, שעיקר ושלימות לימוד עניני מצוות לא תעשה בתורה הוא כפי שהם בשרשם בקדושה, ולדוגמא: הלימוד ד"לא יהי' לך אלהים אחרים על פני", שלילת ע"ז (חטא העגל), קשור ושייך ללימוד ק"ג (בגימטריא עגל) פנים בתורת כהנים (כנ"ל ס"ו), ועד"ז בכל שאר מצוות ל"ת שנכללים ב"לא יהי' לך"[69].

---

59) וע"ד שגם כשבאים להדרגא ד"בכל מאדך", ענין המס"נ, ישנה העבודה ד"בכל לבבך ובכל נפשך", השלימות דכחות הגלויים.

60) ועפ"ז יש להוסיף ביאור בהקס"ד דהקב"ה "ועתה הניחה לי גו' ואעשה אותך לגוי גדול", ותשובת משה "למה ה' יחרה אפך בעמך גו'" – שהקב"ה אמר שהקיום דבנ"י צ"ל מצד דרגתו של משה שבכאו"א מישראל, בחי' הדעת, ולכן "ואעשה אותך (דוקא) לגוי גדול", ומשה פעל התגלות י"ג מדה"ר הקשורה עם עצם הנפש שלמעלה מהשכל, נקודת היהדות שבכל בנ"י, שעי"ז ישנו הקיום דבנ"י מצד מציאותם הם (לא רק מצד בחי' משה שבהם).

61) אף שמקומם (לכאורה) בפרשת יתרו (בהמשך לכללות הענין דמ"ת), ששמה ("יתרו") מדגיש היתרון שנעשה עי"ז שאתהפכא חשוכא לנהורא, ענין התשובה.

62) פרש"י עה"פ.

63) אוה"ת פרשתנו ע' א'תתקעד.

64) ו"לא יהי' גו' על פני", "לא תשא גו'" – הם סעיפים מ"אנכי" (ראה ס' החינוך מצוה כו־ל. ובכ"מ), בדוגמת* לאו הבא מכלל עשה (יבמות נד, ב).

65) תהלים סב, יב.

66) בהבא לקמן – ראה בארוכה קונטרס משיחות ש"פ יתרו שנה זו.

67) מכילתא יתרו כ, ח. ועוד.

68) ודוגמתו בסיפור ההפטורה ע"ד שני הפרים, הפר שהקריבו נביאי הבעל (שלילה), והפר שהקריב אליהו לה' (חיוב) – כדאיתא במדרש (במדב"ר פכ"ג, ט. וש"נ) שאליהו אמר להפר "שעלה לשם בעל" שלא רצה לילך להקרב לבעל: "כשם ששמו של הקב"ה מתקדש על יד זה שעמי כך מתקדש על ידך" (נתבאר בארוכה בלקו"ש חט"ז ע' 415 ואילך, ובהערה 52).

69) תניא רפ"כ.

---

*) אבל לא ממש, כי כאן הלאו מפורש גם בפ"ע.

ומצד ענינם של מצוות לא תעשה (שהשורש שלהם הוא "לא יהי' לך") כפי שהם בתורה, נעשית גם השלילה דכל הענינים הבלתי־רצויים (שהשורש שלהם הוא חטא העגל)[70].

ואדרבה: שלילת הענינים הבלתי־רצויים ע"י מל"ת שבתורה מורה על גילוי אור נעלה יותר ב"תורה אור"[71], "תשא את ראש" (כידוע שהשורש דמל"ת הוא למעלה ממ"ע), שמצד תוקף ומעלת האור ה"ה מאיר בכל מקום, גם במקום שיש בו אפשרות לענינים בלתי־רצויים, ועי"ז נעשית השלילה שלהם.

וענין זה מודגש בכך ש(גם הענין החיובי שב)מצוות ל"ת הם בקו השמאל[72] (לוח השמאלי) והגבורה (דלא כמ"ע שהם בקו הימין והחסד) — שמורה על שרשם בגבורות קדושות שלמעלה מחסדים, **באופן של** תגבורת החסדים, תוקף האור והגילוי (שלכן בכחו להאיר גם במקום החושך, ביטול ושלילת הענינים הבלתי־רצויים)[73].

ועפ"ז יש לבאר הטעם (בפנימיות הענינים[74]) שרש"י מפרש "לחת כתיב שהיו שתיהן שוות" בפ' תשא, כשהכתוב

70) כלומר: אין הכוונה להביטול והשלילה (והתיקון) דהענינים הבלתי־רצויים ע"י עבודת התשובה (החידוש דלוחות שניות), מצד עצם הנפש שלמעלה מהשכל (ההתקשרות העצמית עם הקב"ה שלמעלה מהתורה), שמצדה אין נתינת מקום לענינים בלתי־רצויים, אלא הכוונה היא להשלילה דהענינים הבלתי־רצויים ע"י לימוד התורה (לוחות ראשונות), מצד כחות הגלויים, הבנה והשגה בשכל, היינו, שגם בדרגא שיש נתינת מקום לענינים בלתי־רצויים, מושללים הם (לא רק מצד העצם שלמעלה מגילויים, אלא גם) מצד בחי' הגילויים, ע"י תוקף האור, כדלקמן בפנים.

71) ועפ"ז יומתק ששס"ה מל"ת הם כנגד שס"ה ימים דשנת החמה (מכות כג, סע"ב) — שחמה מורה על תוקף האור, אור היום שלמעלה מאור הנר, כמארז"ל "כי נר מצוה ותורה אור, תלה הכתוב את המצוה בנר ואת התורה באור" (סוטה* כא, א), ויש לומר שבמצוות שבתורה גופא מודגש תוקף האור (אור היום, "תורה אור") בשס"ה מל"ת (כמנין ימי שנת החמה) יותר מאשר ברמ"ח מ"ע ("נר מצוה")**.

*) ויומתק שמארז"ל זה הוא במסכת **סוטה** דוקא — שרומז על תוקף האור בנוגע לביטול ענינים בלתי־רצויים.

**) וע"ד שבמל"ת מודגש העדר ההתחלקות שבתורה (בדוגמת **הדם** שמחי' כל האברים בשוה) יותר מאשר במ"ע, להיותם כנגד **גידי הדם** שעל ידם נמשכת החיות באברי הגוף (ראה בארוכה קונטרס משיחות הנ"ל ס"ח).

72) ועד"ז בנוגע לק"ג פנים שבתורת כהנים, בגימטריא עגל — כדאיתא בזהר (ח"ב קסו, ב) שש"י עולמות נחלקים לשתים, ר"ז מסטרא דימינא וק"ג מסטרא דשמאלא, שהק"ג מסטרא דשמאלא שייכים להק"ג פנים שבתורה (לקוטי לוי"צ מג"א ע' צב*) — שמצד שרשם ה"ה שייכים לדרגא נעלית יותר ב"תורה אור"**.

73) ועפ"ז מובן שגם לעתיד לבוא יהיו שס"ה מל"ת (כנגד שס"ה גידים שבאדם, גם אדם העליון כביכול) בשלימות — דאל"כ אי אפשר למנותם במנין המצוות, לפי ש"אין ראוי למנות מצוות שאין נוהגות לדורות" (סהמ"צ להרמב"ם שורש הג') — כיון שענינם העיקרי הוא תוקף האור והגילוי (עד שבכחו וביכלתו לבטל החושך), שבודאי לא נגרע בו מאומה כשאין צורך בביטול החושך (כש"את רוח הטומאה אעביר מן הארץ" (זכרי' יג, ב)).

74) הביאור ע"פ פשוטו של מקרא — נתבאר בלקו"ש עקב תשמ"ה.

*) ויומתק יותר ע"פ המבואר שם (ס"ע צ' ואילך) בפירוש דברי הגמרא (שבת פח, ב) בהסוגיא דמ"ת "למה נמשלו דברי תורה כנגיד, לומר לך מה נגיד זה יש בו להמית ולהחיות אף ד"ת יש בם להמית ולהחיות .. למיימינין בה סמא דחיי למשמאילים בה סמא דמותא", ש"להמית אינו לגריעותא רק למעליותא, והלהמית ולהחיות אינם שני דברים אך הם **דבר א'**, ותלוי הלהחיות בהלהמית, והוא ע"ד מארז"ל אין התורה מתקיימת אלא במי שממית עצמו עלי'" — שמזה מובן גם בהק"ג מסטרא דשמאלא, שאינם לגריעותא רק למעליותא, והם ענין אחד עם הר"ז מסטרא דימינא, כיון שגם ענינם של הק"ג הוא **גילוי אור**, ויתירה מזה, **תוקף האור**, שלכן בכחו לבטל סטרא דשמאלא לגריעותא.

**) וראה זהר שם (בהתחלת הענין): "תורה אור דקא נהיר לההוא נר (נר מצוה) ואדליקת מני' מסטרא דאור קדמאה דאיהו ימינא, דהא אורייתא מההוא סטרא דימינא דאור קדמאה אתיהיבת, דכתיב מימינו אש דת למו .. אע"ג דאתכליל בי' שמאלא דהא כדין איהו **שלימו דכלא**".

נאר עס דארף זייןביידע עבודות סיי צדיקים און סיי בע"ת.

דעריבער בשעת עס קומט צו שמח"ת, וואס יעמולט איז דא דער גמרה של תורה, דארף מען יעמולט שטיין בתכלית השמחה, און די שמחה מאנט מען פון יעדע איד, ווארום היות תורה האט א שייכות צו יעדער איד ביז אפי' אזא וואס לא ידע מאי קאמר, אבער ער איז א קאמר, במילא האט עס א שייכות אויך צו אים, דעריבער דארף ער אויך שטיין בשמחה,

און דאס איז וואס די תורה ענדיקט זיך מיט לעיני כל ישראל, אז דאס האט א שייכות צו אלע אידן, ביז אפי' צו אזא ענין פון שבירת הלוחות האט דער אויבערשטער געזאגט "יישר כוחך ששברת", און ביז דאס איז נאך העכער פון דער אחדות ווי עס איז בר"ה, וואס יעמולט זאגט מען דעם "אתם נצבים היום כולכם", אלע שטיין צוזאמען ביחד, אבער גלייך נאך דעם רעכנט ער אויס דרגות פרטיות שביניהם, משא"כ אבער דא זאגט ער גלייך כל ישראל, אלע צוזאמען, במילא אזוי דארף אויך זיין די שמחה באופן השייך לכ"א, און פון דעם האט מען דעם כח אויף זיין במשך כל השנה כולה באופן של שמחה און דאס אלץ אויב בחוקותו תלכו וועט דערנאך זיין דער ואולך אתכם קוממיות.

ב. בנוגע צו די עשה"ד געפינט מען אז אין די ערשטע לוחות שטייט "זכור" און אין די צווייטע לוחות שטייט "שמור", ווידוע אז ביי מ"ת איז יעמולט אלע ענינים געגעבען געווארן, ווארום מ"ת איז נאר איינמאל, במילא מוז מען זאגן אז אויך אין די ערשטע לוחות איז געווען נכלל דער ענין פון שמור, נאר דערנאך האט זיך דאס פארנאנדערגעטיילט צווישן די ערשטע לוחות און דערנאך די צווייטע לוחות,

דערנאך געפינט מען בנוגע צו די עצם לוחות אליין אז זיי זיינען געווען פארנאנדערגעטיילט אויף צוויי, חמש מול חמש, וואס לכאורה איז נישט פארשטאנדיק פארוואס איז עס געווען פארנאנדערגעטיילט דוקא חמש מול חמש ?

ממה-נפשך: אויב מען וויל פארנאנדערטיילן אין די לוחות גופא פון איין דבור צו א צווייטען, איז פארוואס האט מען דאס אויסגעשטעלט באופן פון חמש מול חמש, מען האט געדארפט פארנאנדערטיילן צווישן איין דבור מיט א צווייטע, יעדער דבור זאל זיין אויף א לוח בפ"ע, אדער אלע דברות וואלטן געדארפט זיין אלץ אויף איין לוח, וואס איז דער חשבון אויף פארנאנדערטיילן אויף צוויי דוקא חמש מול חמש, וואס איז דער מספר פון חמש ?

מילא דער מספר פון עשר דברות, איז פארשטאנדיק, ווארום די עשה"ד זיינען כנגד די עשרה מאמרות שנברא העולם, וואס דעריבער געפינט מען איז וועלט אז אלץ ווערט פארנאנדערגעטיילט אויף עשרה, ווארום די וועלט איז נשתלשל געווארן פון די עשרה מאמרות, און דאס איז נמשך געווארן פון עשרה ספירות ווי דער פרדס איז דאס מבאר, אבער וואו געפינט מען ערגעץ וואו, דעם חשבון פון חמש ?

נאר מען מוז זאגן אז אין די עשר ספירות איז אויך דא א חשבון פון חמש מול חמש, און וואס דעריבער איז פון דעם דערנאך נמשך געווארן למטה דעם חשבון פון חמש מול חמש, און דאס איז ווי מען געפינט בנוגע צו די ידים אז בכללות זיינען זיי עשרה אצבעות און די אצבעות ווערן פארנאנדערגעטיילט אויף חמש מול חמש,

וואס איז דער ענין פון חמש מול חמש, בכללות "מול" האט דעם פי' אז איין זאך איז נגד דעם צווייטן ענין באופן הפכי, דערנאך איז דא דער ענין פון "מול" נישט אז ער איז א היפך, נאר איין זאך איז מכוון כנגד דעם צווייטן ענין, ובנוגע לעניננו חמש מול חמש מיינט אז איין חמש איז מכוון נגד דעם צווייטן חמש.

און דאס איז וואס מען געפינט בנוגע צו די עשה"ד אז עס ווערט פארנאנדערגעטיילט אויף צוויי סוגים, מצות עשה, און מצות ל"ת, וואס דאס איז כנגד דער ענין פון סור

מרע ועשה טוב, וואס דעריבער זיינען די לוחות אויך פאנאנדערגעטיילט אויף חמש מול חמש כנגד די צוויי קווים פון די עשה"ד.

והגם די צוויי קווים זיינען דאך צוויי הפכית'דיקע קווים, סור מרע - אן ענין פון דחי' ולא תעשה, און עשה טוב - אן ענין פון קירוב ומצות עשה, איז ווי אזוי זיינען זיי א' מכוון כנגד השני ?

נאר די אלע חילוקים זיינען נאר אין דעם אופן ווי עס דריקט זיך אויס זייער קו, אבער ביידע פון זיי זיינען מכוון מצד די נקודה פנימית פון ביידע פון זיי, זיינען זיי ביידע איין ענין אז ביידע פון זיי זיינען מצות וואס דער אויבערשטער האט אונז געהייסן אשר קדשנו במצותיו, און דער חילוק איז אין דעם דרך ווי מען קומט צו דעם אבער אין דער נקודה פון צוותא וחבור שביניהם, אין דעם זיינען זיי ביידע די זעלבע, דעריבער זאגט מען אז הגם זיי זיינען חמש אבער דאס איז מול חמש, איין חמש איז מכוון נגד דעם צווייטן חמש, ווארום ביידע פון זיי ברייינגען ארויס איין נקודה, דעם אשר קדשנו במצותיו, וואס מיט דעם איז פארשטאנדיק דעם חשבון פון חמש מול חמש דוקא.

עד"ז איז דערנאך נמשך געווארן באופן כזה אויך למטה בנוגע צו ידים פון א מענטשן, וואס ענין הידים בכללות איז דאך דאס דער ענין המעשה, און ווי רש"י טייטשט אפ אז די ידים פון דעם מענטש איז דאס רשותו, ווייל ווי נעמט א מענטש א דבר ברשותו איז דאס אלץ ע"י ידים שלו, און אין די ידים געפינט מען אויך אט די צוויי חילוקים פון חמש מול חמש, וואס דער ענין שבזה הוא, אז דער אופן ווי א מענטש טוט זיינע ענינים ע"י ידים שלו, איז עס בשני אופנים, ע"י יד ימין שלו, דער ענין פון ימין מקרבת, וע"י יד שמאל שלו שמאל דוחה, און דא זאגט מען אז דאס איז באופן של חמש מול חמש, מכוון א' כנגד השני, היינו שתוכן נקודה של שניהם יחדיו הוא לעשות דירה לו יתברך בתחתונים, ועד"ז כללות ענין קיום המצות הוא צוותא וחבור לחבר כל ענינים גשמיים לאלקות. און דאס ווערט אויסגעשטעלט בשני האופנים של חמש מול חמש.

און דא קומט די בחינה דאס וואס א איד איז מקיים תורה ומצות, צי ער איז דאס מקיים מצד טבע שלו, אדער מצד ציווי ה', אט דאס וואס ער פירט זיך בקו של קירוב איז דאס מצד דערויף וואס בעצם אזוי איז זיין טבע צו מקרב זיין, אדער ער טוט דאס מצד ציווי של ה'. ועד"ז אין דעם קו הגבורה פון ריחוק. אויב ער טוט דאס מצד ציווי ה' אדער מצד דעם וואס אזוי איז זיין טבע,

איז דא, בשעת מען זעט אז דער מענטש האט שני ידים און טוט זיין עבודה ע"י שניהם יחד, איז דאס א באווייז אז דאס וואס ער איז מקיים תומ"צ איז עס נישט מצד טבע שלו, נאר מצד ציווי ה', ווארום אויב ער וואלט מקיים געווען נאר מצד טבע שלו, איז יעמולט ווערט די שאלה ממ"נ, אדער ער איז אזא מענטש פון קו הימין, אדער פון קו השמאל, אבער צו טאן ביידע פון זיי דאס איז בסתירה איינעם צום צווייטן, און בשעת מען זעט אז ער טוט ביידע ביחד איז דאס א באווייז אז דאס וואס ער טוט ביידע פון זיי, איז עס נאר ווייל ער האט כוונה א' לשניהם, און דאס איז מצד רצון ה',

און אין דעם ענין דריקט זיך אויס בשעת מען פאטש צוויי הענט צוזאמען, וואס דורך דעם ברייינגט ער ארויס זיין שמחה, ער קען דאס נישט ארויסברייינגען ע"י השיר און נישט דורך א ניגון און ווערטער, נאר ער ברייינגט עס ארויס דורך דעם וואס ער פאטשט זיינע הענט צוזאמען, און באווייזט ווי ער טוט זיין עבודה נישט מצד קו החסד אליין אדער קו הגבורה אליין, נאר ער טוט זיין עבודה מצד רצון ה' במילא איז קיין נפק"מ נישט אין וועלכן קו דארף ער עס טאן,

און ביז דער אופן ווי ער טוט עס, אז דורך דעם פאטשען פון זיינע הענט מיט א שטורעם איז ער מעורר א צווייטן אז א צווייטער זאל עס הערן, און פועל'ט אויף "עורו ישנים משינתכם", און ווי איז ער מעורר דעם צווייטן נישט מיט איין

האנט אליין נאר דוקא דורך דעם וואס ער פאטשט איין האנט צום צווייטען, ווארום מיט איין האנט אליין קאן מען נישט פאטשען,

וואס אין עבודה מיינט דאס: ער קאן טענה'ן הגם מען מאנט טאקע אז די עבודה זאל זיין אין ביידע קווים, אבער ער וועט עס פארנאנדערטיילן אויף צוויי באזונדערע זמנים, איין זמן מיט דעם קו און א צווייטען זמן מיט דעם קו, ווארום ביי טאג איז אופן עבודתו בקו החסד, און ביי נאכט באופן של גבורה, ווי דער ירושלמי ברייגנגט בנוגע צו צדקה אז בלילה זאל מען נישט געבען קיין צדקה ווארום יעמולט איז דער ענין פון גבורות העדר השפעה, און דאס איז ווייל יעמולט ווערט שמש נתעלם, עד"ז איז יעמולט נישטא די עבודה פון שמש צדקה וכו',

זאגט מען אעפ"כ איז קיין ראי' נישט אז זיין עבודה איז לאמיתתו ועד"ז קאן ער טענה'ן אז אפי' בזמן א' וועט ער טאן ביידע עבודות אבער איינעם נאכן צווייטען, איז דאס אויך נישט לאמיתתו אן עובד באמת. נאר וואו הערט זיך אן אז זיין עבודה איז מצד כוונה עליונה און נישט מצד טבע, איז עס יעמולט בשעת ער פאטשט ביידע הענט צוזאמען ברגע א' ובכוונה אחת, איז יעמולט זעט מען אז זיין עבודה איז נישט נאר בקו א' נאר מצד כוונה העליונה,

און דורך דעם וואס מען וועט טאן אין די עבודה פון פאטשען ביידע הענט צוזאמען, וועט דאס דערנאך צוברייגנגען צום קיום היעוד פון ימחאו כף.

(לאחר שיחה זו עודד כ"ק אדמו"ר שליט"א את הניגון במחיאת כפיו הק').

הנחה פרטית בלתי מוגה

---------- * ----------